עלון שבועי מבית "בני אמונים"

# וכל מאמינים

## פרשת חיי שרה

## בנתיבות אמונים

פון די טיפקייט פון די פרשה אין די ענינים פון אמן און תפילה

### לויבן דעם אויבערשטן אויף יעדע גוטע בשורה

דער וואס קוקט אריין אין אונזער פרשה וועט זיך זייער שנעל איבערצייגן ווי שטארק האט אליעזר דער געטרייער קנעכט זיך געפלאגט אויסצופירן זיין הייליגע שליחות - צו טרעפן פאר יצחק זיין ריכטיגע זיווג פון די משפחה פון אברהם אבינו אין ארם נהרים, ווען א גרויסער טייל פון דעם איז געווען דאווענען און בעהטן פון השי"ת.

אויך ווען אליעזר האט שוין באקומען די ערוואטעטע ענטפער פון לבן און בתואל ווען זיי האבן געזאגט (בראשית כד נא): "הִנֵּה רִבְקָה לְפָנֶיךָ קַח וָלֵךְ!" האט ער נאכאמאל געדאנקט צום אויבערשטן אזוי ווי עס שטייט (שם כד נב): "וַיְהִי כַּאֲשֶׁר שָׁמַע עֶבֶד אַבְרָהָם אֶת דִּבְרֵיהֶם וַיִּשְׁתַּחוּ אַרְצָה לַה'.

דעמאלטס האט אליעזר געלויבט דעם אויבערשטן אויף די גוטע בשורה וואס ער האט יעצט באקומען, ווען זיין שליחות איז געלונגען למעלה מדרך הטבע; און פון דעם לערנט מען ארויס א גרויסער יסוד אויף די קומענדיגע דורות, אזוי ווי רש"י ברענגט פון חז"ל (ב"ר ס ו): "פון דא לערנט מען זיך אז מ'דארף לויבן אויף א גוטע בשורה!".

#### די ברכה 'הטוב והמטיב'

פון חז"ל זעהט אויס אז דא איז דער מקור אויף די ספעציעלע ברכה וואס מ'וועט מתקן זיין נאך אסאך יארן - די ברכה 'הטוב והמטיב', אזוי ווי עס שטייט אין די משנה (ברכות ט ב): "אויף גוטע בשורות זאגט מען ברוך הטוב והמטיב", און דער **רמב"ם** פסק'נט אזוי (ברכות י ג): "אויב האט ער געהערט א גוטע בשורה זאגט ער ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם הטוב והמטיב".

ס'איז דא וואס ברענגען צו בדרך דרש די פסוק אין תהלים (קמה כא): "תְּהִלַּת ה' יְדַבֶּר פִּי וִיבָרֵךְ כָּל בָּשָׂר"; אויף יעדע 'בשר' - ד.מ. א גוטע בשורה, וועט מיין מויל דאנקען דעם אויבערשטן מיט די ברכה פון 'הטוב והמטיב' ('תהלה לדוד' תהלים שם).

מ'דארף דא אנצייכענען וואס דער בעל **ספר חסידים** (תתמד) איז מעורר: "איינער וואס איז אים אנגעקומען א גוטע בשורה אז ס'איז אים געבוירן געווארן א זוהן, זאל נישט דאנקען פאר דעם וואס האט אים עס דערציילט, ביז ער וועט לויבן פריער דעם אויבירשטן וואס האט אים געשאנקען דעם יונגל".

#### ס'איז גוט פאר אים און פאר אנדערע

ס'איז דא וואס באמערקן, פארוואס ברענגט רש"י די הלכה דא און נישט אויף די פלאץ וואו דער מדרש דרש'נט עס אויפן פסוק וואס שטייט נאך וואס רבקה האט געזאגט פאר אליעזר אז זיי האבן פלאץ אין שטוב צו נעכטיגן (כד כו): "וַיִּקֹּד הָאִישׁ וַיִּשְׁתַּחוּ לַה'"; נאר מ'קען עס ערקלערן, אז אין שולחן ערוך איז גע'פסק'נט (או"ח רכב א): "אויף בשורות וואס נאר פאר אים איז עס א טובה, זאגט ער די ברכה פון 'שהחיינו', און אויב עס איז א טובה פאר אים און אויך פאר אנדערע זאגט ער 'הטוב והמטיב'.

לויט דעם קען מען פארשטיין, אז אין דעם פריערדיגן פסוק רעדט מען פון א טובה וואס איז געווען בעיקר פאר אים, אזוי ווי ס'זעהט אויס דער לשון פון די פסוק 'ויקוד **האיש**', אבער דא האט ער געלויבט אויף די בשורה וואס איז געווען א טובה אויך פאר אברהם און יצחק, אזוי ווי עס איז זעהט זיך אויס פון די לשון 'כשמוע **עבד אברהם**'", און דאס וויל רש"י אונז דערציילן מיטן אראפ ברענגען די ווערטער פון חז"ל דווקא אויף דעם פסוק ('אבני שי').

און **הגר"ח שמואלביץ** האט צוגעלייגט אז אין די גאנצע קאפיטל ווערט נישט אליעזר אנגערופן מיט זיין נאמען, אפילו איין מאל אויך נישט, נאר 'העבד' אדער 'עבד אברהם', ווייל אליעזר האט זיך געשפירט אינגאנצן גארנישט אקעגן זיין האר, אזוי ווייט אז די גוט'ס פון אברהם איז געווען אין זיינע אויגן ווי זיין אייגענע גוט'ס ('להבין ולהשכיל').

#### ברוך ה'

ווי אויבנדערמאנט, די ברכה 'הטוב והמטיב' זאגט מען אין געוויסע פעלער ווי א געבורט'ס פון א זוהן, אבער אלע מענטשן זענען געוואוינט צו לויבן דעם אויבערשטן נאך יעדע גוטע בשורה וואס מ'הערט, ווען מ'דרוקט זיך אויס מיטן לשון 'ברוך השם!'.

עס ווערט דערציילט אויפן **בעל שם טוב הקדוש** וואס האט געזעהן זיין תלמיד דער '**תולדות יעקב יוסף**' ווען ער באגריסט א גאסט מיט די געוועגליכע נוסח 'שלום עליכם', און אויך פרעגט ער זיך נאך וויאזוי איז זיין נאמען; ווען דער גאסט האט זיך געוואונדערט פארוואס פרעגט ער זיך נאך אויף זיין נאמען, האט דער תולדות אים געענטפערט - כדי אז די קומענדיגע מאל וואס מיר וועלן זיך טרעפן זאל איך דיך געדענקען און איך וועל קענען זאגן: '**ברוך השם** אז מיר האבן זיך נאכאמאל געטראפן!'.

האט דער 'תולדות' צוגעלייגט: איך האב א רמז אויף מיין אויפפירונג פון א פסוק אין תהלים (כב ד): "וְאַתָּה קָדוֹשׁ יוֹשֵׁב תְּהִלּוֹת יִשְׂרָאֵל", ד.מ. אזוי ווי ווען מ'פרעגט זיך נאך אויף איינעם וויפיל איז זיין געהאלט, פרעגט מען 'אויף וויפיל זיצט ער', אזוי זאגן מיר אויך אין דעם פסוק, ואתה קדוש יושב, אויף וואס זיצט דער אויבישטער, 'תהלות ישראל' - אויף די לויב וואס די אידן לויבן און דאנקען אים אין יעדע געלעגנהייט וואס מאכט זיך פאר זיי.

ווען דער בעל שם טוב האט עס געהערט האט ער זיך אנגערופן צו זיין תלמיד: 'דו זאלסט וויסן אז איך האב שוין געהערט אין הימל די טייטש פון אליהו הנביא'ס מויל ווען ער זאגט עס פאר די מלאכים' ('דברי יחזקאל שרגא' תליתאה עמ' רל).

#### לעתיד לבוא וועט מען לויבן אויך אויף די שלעכט'ס

אין מסכת פסחים (נ א) זאגן חז"ל: "נישט אזוי ווי עס איז דער עולם הזה איז דער עולם הבא, יעצט אויף א גוטע בשורה זאגט מען 'הטוב והמטיב' און אויף א שלעכטע בשורה זאגט מען 'דיין האמת', אבער לעתיד לבוא וועט מען אויף אלעס זאגן 'הטוב והמטיב'".

פרעגט דער **צל"ח** (שם) אין נאמען פונעם בראד'ער מגיד: מיר טרעפן אין די רייד פון אלע נביאים ווען רעדן אויף וואס עס וועט זיין לעתיד לבוא אז דעמאלטס וועט נאר זיין גוטע בשורות, איז וואס איז דער חידוש מיט דעם וואס מ'וועט דעמאלטס נאר זאגן 'הטוב והמטיב' אזוי ווי ס'איז די הלכה?

ענטפערט ער: די כוונה פון די חז"ל איז נישט צו זאגן אז מ'וועט זאגן 'הטוב והמטיב' אויף אלע געשעהנישן וואס וועלן געשעהן לעתיד לבוא, נאר זייער כוונה איז אז דעמאלטס וועט מען זאגן די ברכה אויף אלעס וואס עס האט פאסירט מיט די אידן אין לויף פון דעם גלות, און אויך אויף אזעלעכע זאכן וואס מ'האט אויף זיי געזאגט אויף די וועלט 'דיין האמת'.

אזוי ווי די ערציילונג וואס ווערט אין '**ילקוט מעם לועז**' (שופטים עמ' פא) מיטן תלמיד פונעם **רמב"ן** וואס איז קראנק געווארן, און ווען דער רמב"ן איז אים געקומען באזוכן האט ער פארשטאנען אז ביז א קורצע צייט וועט ער פארלאזן די וועלט, האט ער אים געזאגט: "הער אויס מיין קינד וואס איך וועל דיר יעצט באפעלן, דו זאלסט וויסן אז אויבן אין פארהאן א אויבערשטער היכל און די שכינה שטייט דארט. נעם דיר א קמיע, און דורך דעם וועט מען דיר עפענען אלע טויערן פון די גרויסע זאלן אין הימל ביז ווען דו וועסט אנקומען צו דעם אויבערשטן היכל, און דארט זאלסטו פרעגן עטליכע שווערע פראגעס וואס איך האב וועגן די אויפירונג פון דעם אויבערשטן מיט די כלל ישראל".

דער רמב"ן האט אויפגעשריבן די אלע פראגן, און האט אים געבעהטן אז נאך וואס ער וועט נסתלק ווערן זאל ער קומען צו אים אין חלום און דערציילן די ענטפער'ס וואס מ'וועט אים ענטפערן אויף זיי.

עטליכע טעג נאכדעם איז דער תלמיד נפטר געווארן, און א געוויסע טאג זיצט דער רמב"ן און לערנט נעבן די פענסטער, און אט זעט ער די געשטאלט פון זיין תלמיד וואס זאגט אים: "דער רבי זאל וויסן אז איבעראל וואו איך בין געקומען און איך האב געוויזן די קמיע האבן זיך געעפנט פאר מיר אלע טויערן, און מ'האט מיר געגעבן ערלויבעניש ארויף גיי אויבן ביז דעם היכל וואס דו האסט מיר געזאגט, און ווען איך האב געוואלט פרעגן די פראגעס וואס דער רבי האט מיר צוגעגרייט, האב איך באלד געזעהן אז די אלע פראגעס זענען נישט פארהאן אינעם עולם האמת, וואו דארט איז נאר אמת און גערעכטיגקייט".

#### אריכות ימים אין זכות פון אמן

"וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל" (כד א)

'זקן בא בימים' - איז די סופי תיבות 'אמן', ס'קומט צו לערנען אז אין זכות פון ענטפערן אמן איז מען זוכה צו אריכות ימים, אזוי ווי די חכמים זכרונם לברכה זאגן (ברכות מז א) "כל המאריך באמן מאריכין לו ימיו ושנותיו".

תוספות השלם בראשית כד א

נאך קען מען מרמז זיין אין דעם פסוק: 'זקן בא בימים' באטרעפט 'א-ל מלך נאמן' (272); א רמז אויפן ענטפערן אמן אזוי ווי חז"ל זאגן (שבת קיט ב): "וואס איז די כוונה פון די ווארט 'אמן'? א-ל מלך נאמן!" און די תורה איז מרמז אז אברהם האט מקפיד געווען צו ענטפערן געלאסן אמן מיט די ריכטיגע כוונה אז דער אויבישטער איז א 'א-ל מלך נאמן', און וועגן דעם האט ער זוכה געווען צו אריכות ימים אזוי ווי די אויבנדערמאנטע רייד פון חז"ל.

צמח דוד פר' חיי שרה




## שומר עמו ישראל לעד, אמן!

די מצב אין ארץ ישראל איז זייער אנגעצויגן, מיר זענען ארום גענומען פון אלע זייטן
מיט אזעלעכע וואס ווילן אונז פארלענדן, ווי א שעפסעלע צווישן זיבעציג וועלף...

אויף וואס קענען מיר זיך פארלאזן?! אזוי האט אונז אויסגעזאגט אליהו הנביא זכור לטוב:
"דורך וועמען באשטראפט דער אויבישטער די אלע פעלקער?
דורך די וואס שטייען אויף פריה און פארזוימען זיך ביז שפעט...
און ענטפערן אמן און לויבן דעם אויבערשטער מיטן זאגן אמן"
תנדב"א רבה יא

טייערע איד! געב דו אויך אכטונג צו לויבן דעם אויבערשטן מיט 'אמן' –
זאג די ברכות השחר צופריה פאר איינעם וואס וועט ענטפערן אויף זיי אמן
און דו ענטפער אויך אמן אויף די ברכות פון דיין חבר
אזוי וועסטו זוכה זיין און אויך מזכה זיין דעם כלל ישראל מיט א ספעציעלע שמירה.

# פניני אמונים

פערל ווערטער איבער אמן
און תפילה אין די פרשה פון די וואך

## די מעלה פון דאווענען נעבן וואסער

"הִנֵּה אָנֹכִי נִצָּב עַל עֵין הַמָּיִם" (כד יג)

אז מ'קוקט אריין אין '**בעל הטורים**' (לעיל טז ג וראה במדבר כא ז) זעהט מען אז נישט פארצופאל האט אליעזר געדאווענט פונקט נעבן די קוואל, נאר ווייל עס איז פארהאן א ספעציעלע סגולה צו א געבעהט נעבן וואסער, וויבאלד דארט הערשט א רוח טהרה, אויך טרעפן מיר אז תפילה איז צוגעגליכנט צו וואסער, אזוי ווי עס שטייט (איכה ב יט): "שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה'".

און טאקע אזוי, אויך די תפילה פון הגר אויף ישמעאל וואס זי האט געדאווענט נעבן א קוואל אזוי ווי עס שטייט (לעיל טז ג) "וַיִּמְצָאָהּ מַלְאַךְ ה' עַל עֵין הַמַּיִם בַּמִּדְבָּר" איז אנגענומען געווארן, און ס'איז דא וואס זאגן אז עס איז מרומז אין די ווארט 'במדבר' וואס איז א לשון פון דיבור [רעדן], אז דער מלאך איז איר געקומען העלפן אלץ דעם וואס זי האט געדאווענט נעבן די קוואל וואסער ('דברי אברהם' טז ג).

און ס'איז דא וואס פון דא לערנען זיי א מקור אויף די מנהג פון 'תשליך' וואס מ'זאגט אום ראש השנה דווקא נעבן א טייך, און עס איז אויך מרומז אין די פסוק אין תהלים (כט ג) "קוֹל ה' עַל הַמָּיִם" (הגהות 'שוהם יקר' על בעה"ט שם).

## א רמז אויף ברכת הגומל און אירע הלכות

"וַיַּבְרֵךְ הַגְּמַלִּים מִחוּץ לָעִיר אֶל-בְּאֵר הַמָּיִם לְעֵת עֶרֶב לְעֵת צֵאת הַשֹּׁאֲבֹת" (כד יא)

א שיינער רמז אויף די ברכה פון הגומל און אירע הלכות שרייבט דער גאון **רבי רחמים מאזוז פון ג'רבא** אין זיין ספר **"כסא רחמים"**:

"וַיַּבְרֵךְ הַגְּמַלִּים" - פיר זענען מחוייב צו זאגן די ברכה פון 'הגומל':

א. "מִחוּץ לָעִיר" - די וואס גייען אין א מדבר אינדרויסן פון שטאט.

ב. "אֶל בְּאֵר הַמָּיִם" - די וואס פארן מיט א שיף העכער די וואסער.

ג. "לְעֵת עֶרֶב" - דער וואס איז זייער קראנק געווען [אין ענדע פון זיינע טעג וואס איז צוגעגליכנט צו 'פארנאכט'ס'] און ער איז געווארן געזונט.

ד. "לְעֵת צֵאת" - דער וואס גייט ארויס פון א תפיסה.

די ווארט "הַשֹּׁאֲבֹת" איז א רמז אויף די פאסיגע צייט צו זאגן די ברכה, נאכן עולה זיין אין די תורה: 'הטוב **שיברך אחר ברכות התורה**'.

## די געבעהט פון אליעזר איז ערפילט געווארן מיט א אייל'עניש

"וַתְּמַהֵר וַתֹּרֶד כַּדָּהּ עַל-יָדָהּ וַתַּשְׁקֵהוּ" (כד יח)

מ'דארף פארשטיין וואס איז די ענין פון די אייל'עניש וואס מיר טרעפן עטליכע מאל אין די פרשה, אין דעם פסוק, און אויך שפעטער (פס' כ): "וַתְּמַהֵר וַתְּעַר כַּדָּהּ" און אויך ביי (פס' כח): "וַתָּרָץ הַנַּעֲרָה וַתַּגֵּד"?

ערקלערט **רבי וועלוועלע בריסקער** זצ"ל, אז די אייל'עניש איז געווען כדי נאכצוגעבן די געבעהט פון אליעזר עבד אברהם וואס האט געבעהטן (כד יב): "הַקְרֵה נָא לְפָנַי הַיּוֹם", און ווייל ער האט געדאווענט פארנאכט אזוי ווי עס שטייט "לְעֵת עֶרֶב לְעֵת צֵאת הַשֹּׁאֲבֹת" (שם יא) האט אויסגעפעלט זיך צו איילן און יאגן, ווייל אויב נישט וואלט עס נישט געענדיגט געווארן אין דעם טאג.

'חידושי רבינו הגר"ז על התורה'.

## דער באשעפער האט מיך געפירט אויפן וועג

"אָנֹכִי בַּדֶּרֶךְ נָחַנִי ה' בֵּית אֲחֵי אֲדֹנִי" (כד כז)

דער משגיח **רבי ירוחם** פון מיר האט געזאגט:

פון די ווערטער 'נָחַנִי ה'' קענען מיר לערנען אז דער אויבערשטער האט כביכול אנגעכאפט אליעזר'ן און אים גע'פירט פון אנהויב וועג ביזן ענדע.

און טאקע אזוי, א מענטש וואס וועט קוקן מיט א אמת'דיגע בליק אויף זיינע וועגן, וועט זיך זייער שנעל איבערצייגן מיט א קלארקייט צו זעהן וויאזוי דער אויבערשטער באגלייט אים אויף יעדן טריט און שריט.

'דעת תורה'

## זאגן א ברכה אזוי ווי א איד...

"וַיּוּשַׂם לְפָנָיו לֶאֱכֹל וַיֹּאמֶר לֹא אֹכַל עַד אִם דִּבַּרְתִּי דְּבָרָי וַיֹּאמֶר דַּבֵּר, וַיֹּאמַר עֶבֶד אַבְרָהָם אָנֹכִי" (כד לג-לד)

דער '**בעל הטורים**' ערקלערט וואס אליעזר האט געזאגט: "ווייל איך בין א קנעכט פון אברהם, פיר איך זיך נישט צו עסן ביז ווען איך וועל זאגן מיינע רייד - די ברכה פון נטילת ידים און די ברכה פון המוציא".

אויף דעם גאנג לייגט צו דער '**אמרי אמת**' צו ערקלערן דעם המשך פון די פסוק - "ויאמר דבר, ויאמר עבד אברהם אנכי": ווען אליעזר האט געזאגט פאר בתואל אז ער וויל פריער זאגן א ברכה, האט ער אים געזאגט: "דַּבֵּר!" - דו ווילסט זאגן א ברכה? וואס פארזוימסטו זיך, כאפ שנעל אפ די ברכה! אבער אליעזר האט אים באלד געענטפערט: "עבד אברהם אנכי!" און אלץ דעם קנעכט פון אברהם דארף איך זאגן א ברכה ווי עס דארף צו זיין, אויפן קול און מיט כוונה.

'יגדיל תורה'

[מ'קען אפשר צו לייגן בדרך דרש - פארוואס האט אליעזר זיי געזאגט אז ער וויל זאגן א ברכה, ער דארף דען נעמען ביי זיי רשות אויף דעם? נאר ס'קען זיין אז ער האט געוואלט אז זיי זאלן ענטפערן 'אמן' נאך זיינע ברכות].

## א מנין פון רייטער'ס אויף די קעמלען

"וַיְבָרְכוּ אֶת רִבְקָה וַיֹּאמְרוּ לָהּ אֲחֹתֵנוּ אַתְּ הֲיִי לְאַלְפֵי רְבָבָה" (כד ס)

אין מסכת כלה (ריש פרק א) זאגן חז"ל: "וואו האבן מיר א מקור צו ברכת חתנים אין די תורה? פון 'ויברכו את רבקה'", ערקלערן די **בעלי התוספות** (כתובות ז ב ד"ה שנאמר) אז די כוונה פון חז"ל איז צוברענגען די מקור צו די 'ברכת האירוסין' וואס מ'זאגט ביי די חופה ('אשר קדשנו... וצוונו על העריות...) און נישט אויף די שבע ברכות וואס מ'זאגט ביי שמחת חתן וכלה.

אבער תוספות ערווענט שוין אז פון דער פסוק איז נאכנישט קיין ראיה אז עס דארפן זיין צעהן מענטשן ביים זאגן די ברכת חתנים. נאר דער חזקוני (כד י) ערקלערט וויאזוי אויך די הלכה האט א רמז אין תורה, פון די פסוק (שם): "וַיִּקַּח הָעֶבֶד עֲשָׂרָה גְמַלִּים מִגְּמַלֵּי אֲדֹנָיו וַיֵּלֶךְ", פארוואס שרייבט די תורה די צאל פון די קעמלען?! נאר כדי מיר זאלן וויסן אז אליעזר האט גענומען מיט זיך צעהן מענטשן וויפיל עס פעהלט אויס אויף ברכות האירוסין.

לייגט צו דער **רבי ר' יהונתן אייבשיץ** אין זיין ספר '**תפארת יהונתן**', אז וועגן דעם האט ער גענומען דווקא רייטער פון קעמלען, לויט וואס עס שטייט אין גמרא (קידושין פא א) אז רוב פון די רייטער'ס אויף קעמלען זענען ערליכע.

נאך לייגט צו דער באקאנטער גאון **רבי יוסף ראזין** - דער ראגאטשאבער ('צפנת פענח' בפרשתנו) אז וועגן דעם האט אליעזר געדארפט צעהן מענטשן אויסער אים - ווייל ער איז געווען א קנעכט, און א קנעכט - ווי באקאנט - קען מען נישט מצרף זיין צו א מנין.

## די תפילה פון מנחה ווערט באלד אנגענומען

"וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב" (כד סג)

די גמרא (ברכות כו ב) לערנט פון די פסוק אז יצחק האט מתקן געווען די תפילה פון מנחה, און דער '**כלי יקר**' ברענגט פון דא א ראיה צו וואס חז"ל זאגן (שם ו ב): "א מענטש זאל אייביג זיין געווארנט אין די גרויסקייט פון מנחה ווייל אליהו איז געהאלפן געווארן נאר דורך זכות פון די תפילה פון מנחה", ווייל מיר טרעפן נישט ווען אברהם און יעקב האבן געדאווענט אז עס באלד אנגענומען געווארן, אבער די תפילה פון יצחק וואס האט געדאווענט פארנאכטס - און ס'איז שכל'דיג צו זאגן אז ער האט געדאווענט אויף די הצלחה פון אליעזר'ס שליחות - איז עס באלד אנגענומען געווארן, ווען גלייך נאכן ענדיגן האט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן און האט געזעהן די קעמלען וואס ברענגן רבקה.

אבער לכאורה דארף מען פארשטיין, רבקה איז דאך שוין געווען אויפן וועג צו יצחק נאך בעפאר ער האט אנגעהויבן צו דאווענען? זאגט דער '**חתם סופר**', אז כאטש ווען אליעזר איז געגאנגען האט ער געהאט קפיצת הדרך, אבער ביים צוריק קומען האט ער נישט געהאט קיין קפיצת הדרך ביז ווען יצחק האט געדאווענט אויף דעם, קומט אויס אז די תפילה פון יצחק האט צוגעברענגט אז רבקה זאל דארט שוין אנקומען.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## פארוואס האט דער רבי' מוותר געווען אויף די הלוואה?

דער 'אוהב ישראל' הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל פון אפטא זיע"א איז אויף זיינע עלטערע יארן אויפגענומען געווארן אויף די רבנות אמט אין די שטאט מעזיבוש. אלע איינוואוינער האבן זיך באאיינדרוקט פון זיין הייליגע אויפפירונג און זיי האבן אים אנגענומען אז ער זאל ווערן זייער רבי, זיי האבן זיך דורך גערעדט מיט דעם צדיק איבער אלע זייערע שוועריקייטן, זיי האבן זיך באטייליגט ביי זיינע הייליגע טישן, און האבן אויך געדאווענט אין זיין בית המדרש.

אנדערשט פון אלע איז געווען ר' בעריש, א חסידישער איד, וואס האט געוואלט האלטן זיין פארבינדונג צו זיין פריערדיגן רבי', האט ער באשלאסן אז ער וועט נישט האבן קיין פארבינדונג מיטן אפטער רב, און אין לויף פון אלע יארן וואס ער איז געווען דער רב אין מעזיבוש האט ער נישט אריבער געטרויטן די שוועל פון דעם צדיק'ס טיר.

נאר אין די צייט וואס ר' בעריש איז געשטאנען פארן חתונה מאכן זיין טאכטער און ער האט גארנישט געהאט ביי זיך צו קענען צוגיין צו די חתונה, האט ער נישט געהאט קיין אנדערע וועג נאר זיך צו ווענדן צום הייליגן צדיק און אים בעהטן זיין הילף, אבער די בושה האט אים אפגעהאלטן פון צו גיין...

דער 'אוהב ישראל' אזוי ווי מ'האט אים גערופן איז ער טאקע געווען, דער רבי איז געווען א אמת'דיגער 'אוהב ישראל', ער האט נישט געווארט ער זאל קומען צו אים, נאר ווען ער איז געוואר געווארן איבער די ענגשאפט פון ר' בעריש האט ער אים באלד געשיקט רופן.

ער איז געקומען צום רבי'ן ווען זיינע קניה ציטערן אים, ער איז נישט געוואוינט געווען צו בעהטן נדבות, אבער דער רבי' האט אים געשטארקט און געפרעגט מיט א פריינדשאפט: 'וויפיל געלט פעהלט דיר אויס כדי זאלסט קענען חתונה מאכן דיין טאכטער?'

ער האט געענטפערט מיט צוהאקטע ווערטער: 'נישט קיין מתנה חלילה... נאר א הלוואה דארף איך; איך וויל בארגן הונדערט רובל און עס באצאהלן צוביסלעך...'

'אפשר האסטו א משכון צו געבן?' - האט דער רבי' געפרעגט, און ר' בעריש האט געענטפערט: 'איך האב אין שטוב א טייערע ש"ס פון די סאלאוויטא דרוק, איך בין עס גרייט צו געבן פאר א משכון...'

ווען מ'האט געברענגט די גמרות פארן 'אוהב ישראל' האט ער עס ארום גענומען און זיך אנגערופן מיט התפעלות: 'אזא שיינע און טייערע ש"ס ווילסטו געבן פאר א משכון אויף א הלוואה פון הונדערט רובל? עס איז נישט פאסיג! פאר אזא משכון קען איך דיר פארבארגן די סומע פון צוויי הונדערט רובל - ביזסט מסכים?!'

ר' בעריש האט געשאקלט מיטן קאפ, און דער רבי' האט שוין אפגעציילט די סומע געלט ווען ער זאגט: 'אדרבה, עס איז בעסער אז פאר די יונגע פאר פאלק זאל גארנישט פעלן, זעה אז ס'זאל זיי גארנישט פעלן, און ווען דער אויבערשטער וועט דיר העלפן וועסטו מיר צוריק געבן'.

ווען זיין מויל מורמלט זיך אונטער א דאנק פאר השי"ת און זיין געזיכט שיינט פון גליק און פרייד האט ר' בעריש געוואלט פארלאזן דעם צימער, אבער דער רבי' האט אים אפגעהאלטן און געזאגט ווי צו זיך, ווען זיינע הענט גלעטן מיט ליבשאפט די לעדערנע דעקלעך: 'אזא שיינע און טייערע ש"ס, אזא מיוחס'דיגע ש"ס פון די באקאנטע סאלאוויטא דרוק, איז עס דען נישט צי א גרויסע אחריות? ביי מיר אין שטוב דרייען זיך שטענדיג מענטשן, וועל איך דען קענען ריכטיג אכטונג געבן ס'זאל נישט צוריסן ווערן?! ניין, איך בין נישט מסוגל צו דעם!

'איך בעהט דיר, מיין טייערער פריינד' - האט דער רבי' זיך געוואנדן צו דעם פארוואונדערטן ר' בעריש - 'מאך מיר א חסד און נעם די גמרות צו דיר אין שטוב... איך גלייב אז דו וועסט גוט אכטונג געבן אויף דעם משכון...'

ר' בעריש האט זיך אינגאנצן געוואונדערט, ער האט זיך נישט געראכטן אויף אזא גוט'סקייט, אבער ער האט זיך נישט אפגעהאלטן פון וואס מ'האט אים געהייסן, ער איז אהיים ווען ער נעמט מיט די ש"ס, ער האט עס געלייגט אויף זייער פלאץ אין די ספרים שאפע, און האט זיך אנגעהויבן צו גרייטן מיט חשק צו די חתונה.

עטליכע וואכן זענען אדורך, און ווען עס איז אנגעקומען די טאג פון די חתונה, א קורצע צייט פארן שטעלן די חופה איז ר' בעריש נאכאמאל גערופן געווארן צום צדיק'ס שטוב, ווען דער אפטער רב דערציילט אים מיט גרויס פרייד אז נאכן איבער טראכטן האט ער באשלאסן אז ער דארף נישט צוריק די סומע וואס ער האט אים פארבארגט, נאר ס'איז זיינ'ס אינגאנצן, און ער האט ביי זיך נאך א שיינע סומע געלט ער זאל האבן גענוג אויף אלע הוצאות פון די חתונה און עס זאל אויך גענוג זיין אויף די הוצאות פון די זיבן טעג שבע ברכות...

דאס מאל האט ר' בעריש נישט געקענט באהאלטן זיין וואונדער, זיינע אויגן האבן געוויזן אז ער זוכט א ערקלערונג אויף דעם, און דער אפטער רב האט טאקע אזוי געזאגט:

'איך וועל דיר ערקלערן וואס איך טוה: דו ווייסט דאך אז דער אויבערשטער האט אין די זעקס טעג באשאפן די גאנצע באשעפעניש נאר וועגן די אידן, דער ציל פון די באשעפעניש איז גוט'ס צוטוהן פאר די אידן, די אידן זאלן זיין צופרידן און לויבן דעם אויבערשטן פון טיפן הארץ.

איך האב געטראכט ביי מיר אין הארץ, ווען קען א איד זיין צופרידן און דאנקען דעם אויבערשטן פון טיפן הארץ, רוב טעג מוטשעט ער זיך מיט שוועריקייטן, מיט נאכלויפן דאס געלט, און מיט צער גידול בנים א.ד.ג.?!

נאר עס זענען פארהאן געוויסע צייטן אינעם לעבן ווי א טאג וואס מ'פירט א טאכטער אונטער די חופה, נאך יארן פון פלאגעניש, זארג און האפן, אין דעם גרויסן טאג פארגעסט מען אלע שוועריקייטן וואס מ'האט מיטגעמאכט ביז יעצט, און נאכן חופה, ווען די פרייד דערגרייכט ביז צו די הימל, שפירט מען זיך וואו עס פעלט נישט גארנישט, דעמאלטס לויבט מען דעם אויבערשטן פון טיפן הארץ אויף אלע חסדים וואס דער אויבערשטער האט געטוהן ביזן היינטיגן טאג.

איך האב זיך יעצט בארעכנט, אז פונקט אין די טייערע מינוטן וועסטו דארפן זארגן אויף די הלוואה וואס דו האסט גענומען ביי מיר און אויף דעם מארגנ'דיגע פרנסה - וואס דאס וועט דיך שטערן פון צו לויבן און דאנקען דעם אויבערשטן?! איז דען ריכטיג אז וועגן א האפן רובל וועל איך אפהאלטן א איד פון צו קענען ערפילן דער תכלית פון דער וועלט - זיך פרייען מיט די חסדים וואס דער אויבערשטער האט געטוהן און אים לויבן דערויף?!

איך וועל עס נישט טוהן! איך בין נישט גרייט צו זיין דער וואס וועט דיר שטערן אויסצופירן דעם דערהויבענעם און הייליגן תכלית! זיי רוהיג... די געלט איז דיינס פון הימל! זיי צופרידן מיט דעם, און פארגעס נישט פון צו לויבן השי"ת אויף זיינע חסדים, ווייל דאס איז דער תכלית פון די באשעפעניש!

'מסוד שיח חסידים' שער ו' פ"א

עיצובים shay

"בני אמונים" ת.ד. 102 בני ברק | פקס. 08-9746102 | מייל. 9139191@gmail.com | ניתן לקבל עלון זה במייל מידי שבוע